בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

## דִי שְׁטְרָאף פוּן וֶוערְן מְגוּלְגָל

גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

מעשה 9

דֶער צַדִּיק צֶערַייסְט דֶער שְׁטַר אוּן זָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל: "מָחוּל לָךְ, מָחוּל לָךְ, מָחוּל לָךְ", דָאס מֵיינְט, 'דִי חוֹב וָואס דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג – אִיז בָּטֵל', אוּן דֶער צַדִּיק זָאגְט פַארְן פוֹיעֶר: "לָאמִיר גֵיין צוּרִיק אִין שְׁטַאל, לָאמִיר זֶען דִי פֶערְד"; זֵיי גֵייעֶן אוּן זֶעעֶן וִוי דֶער קְלֵיינֶער דַארֶער פֶערְדְל לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד...

דֶער צַדִּיק אִיז מְגַלֶּה פַארְן פוֹיעֶר וָואס דָא הָאט פַּאסִירְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט אוּן מֶען בְּלַייבְּט שׁוּלְדִיג גֶעלְט, אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם גֶע'גַנֶבְ'עֶט פוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן מֶען שְׁטַארְבְּט – הָאט דִי נְשָׁמָה נִישְׁט קַיין רוּ, דִי נְשָׁמָה קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין גַּן עֵדֶן, דִי נְשָׁמָה דַארְף אַרָאפְּקוּמֶען נָאכְאַמָאל אוּן בַּאצָאלְן דִי חוֹב אוּן דִי גְנֵיבָה.

"דֶערִיבֶּער" – זָאגְט דֶער צַדִּיק – "דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם בַּעַל חוֹב אִיז אַרַיין אִין דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד אוּן זִיךְ גֶעדַארְפְט פַּיינִיגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן פַאר דִיר אָפְּצוּצָאלְן זַיין חוֹב, אוּן יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט מִיר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן בְּמַתָּנָה דֶעם שְׁטַר חוֹב אוּן אִיךְ הָאבּ אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען, הָאט דִי נְשָׁמָה שׁוֹין נִישְׁט וָואס צוּ זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז דִי פֶערְד גֶעשְׁטָארְבְּן".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען פוּן קֵיינֶעם אוּן נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט פוּן קֵיינֶעם, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט יָא גֶעבָּארְגְט גֶעלְט, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם גֶע'גַנֶבְ'עֶט – זָאל מֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹב אוּן דִי גְנֵיבָה, נִישְׁט צוּ דַארְפְן לַיידְן.

צו הערן די מעשה דערציילט דורך דער ראש ישיבה שליט"א אין 'קול ברסלב'

טלפון: 079-70-400-66 שלוחה - 1.5.2.1

# דִי שְׁטְרָאף פוּן וֶוערְן מְגוּלְגָל

"קֶענְסְט מִיר פַארְקוֹיפְן אַ פֶערְד?" פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אַוַדאי!" עֶנְטְפֶערְט דֶער פוֹיעֶר, "אִיךְ הָאבּ גוּטֶע פֶערְד, קוּם רֶבִּי אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן מַיינֶע גוּטֶע פֶערְד".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ קוּקְט זִיךְ אוּם אוֹיף דִי פֶערְד, אוּן פְרֶעגְט דֶעם פוֹיעֶר: "אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ קוֹיפְן דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד?"

"נֵיין, נֵיין!" זָאגְט דֶער פוֹיעֶר, "דֶעם קְלֵיינֶעם דַארְן פֶערְד גֶעבּ אִיךְ קֵיינֶעם נִישְׁט אַוֶועק, דָאס אִיז מַיין בֶּעסְטֶע פֶערְד וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר אַמָאל גֶעהַאט, יֶעדֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג וָואס דְרַיי פֶערְד קֶענֶען דֶעם וָואגְן נִישְׁט שְׁלֶעפְּן, קֶען אָבֶער דֶער קְלֵיינֶער דַארֶער פֶערְד יָא שְׁלֶעפְּן", דֶער פוֹיעֶר זָאגְט: "אִיךְ קֶען פַארְקוֹיפְן פַארְן רֶבִּי'ן אַלֶע פֶערְד, אוֹיסֶער דֶעם פֶערְד".

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁמוּעֶסְט מִיטְן פוֹיעֶר, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן פוּן חוֹבוֹת; וִויפִיל חוֹבוֹת



עֶר הָאט, וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִים שוּלְדִיג, דֶער פוֹיעֶר בְּרֶענְגְט אַרוֹיס זַיינֶע צֶעטְלֶעךְ אוּן הוֹיבְּט אָן צֵיילְן זַיינֶע שְׁטָרוֹת, בַּיי אֵיין שְׁטַר זָאגְט עֶר פַארְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "דֶער שְׁטַר אִיז שוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער בַּעַל חוֹב אִיז שוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן", פְרֶעגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "נוּ אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן דֶעם שְׁטַר חוֹב בְּמַתָּנָה?" "אַוַדאי!" עֶנְטְפֶערְט דֶער פוֹיעֶר, "אִיךְ גֶעבּ דִיר אַוֶועק דֶעם שְׁטַר בְּמַתָּנָה גְמוּרָה, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד".